וועלט, אָדער מיט די געלטגייציקע און גזלנים,
אָדער געצנדינער; ווייל איר וואָלט דאַן געדאַרפט
11 אַרויסגיין פון דער וועלט; איצט אָבער האָב איך
אייך געשריבן, אַז איר זאָלט זיך נישט מישן, ווען
עמיצער, וועלכער רופט זיך ברודער, איז אַ נואף,
אָדער אַ געלטגייציקער, אָדער אַ געצנדינער, אָדער
אַ לעסטערער, אָדער אַ שכור, אָדער אַ גזלן; מיט
12 אַזעלכן זאָלט איר אַפילו נישט עסן צוזאַמען: וואָרום
וואָס האָט עס צו טון מיט מיר צו משפטן די, וואָס
זענען אויסערהאַלב (פון דער קהלה)? איר משפט
דאָך אַפילו נישט די, וועלכע זענען אינעווייניק!
13 די אָבער אינדרויסן וועט ג־ט משפטן. רוימט אויס
דעם שלעכטן מענטשן פון צווישן אייך.

## קאַפּיטל זעקס

1 ווי וואַגט עס דער פון אייך, וואָס האָט עפּעס קעגן
אַן אַנדערן, זיך צו לאָדענען פאַר די רשעים,
2 און נישט פאַר די קדושים? אָדער ווייסט איר נישט,
אַז די קדושים וועלן משפטן די וועלט? און אויב
די וועלט וועט געמשפט ווערן דורך אייך, צי
זענט איר דען נישט ראוי צו משפטן אין קליינע־
3 קייטן? צי ווייסט איר דען נישט, אַז מיר וועלן
משפטן מלאכים? אַ פשיטא שוין וואָס איז בוגע
4 דיני ממונות! און איר, אויב איר האָט עפּעס
(צו אַנטשיידן) וואָס שייך דיני ממונות זעצט
איר די נישט־אָנגעזעענע אין דער קהלה פאַר
5 שופטים? צו אייער חרפה זאָג איך עס. אַזוי,
עס געפינט זיך טאַקע נישט קיין איין חכם צווישן
אייך, וועלכער וואָלט געקאָנט אויסגלייכן צווישן
6 ברודער און ברודער? נאָר אַ ברודער משפט